**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/21/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באלוינט 40 מיליאן דאלאר צו וואוינבאר מאכן ביז צו 600 ליידיגע און נאכגעלאזטע אפארטמענטס און זיי פארוואנדלען צו פארזיכערטע צוגענגליכע היימען**

***18 נאן-פראפיטס און לאקאלע רעגירונגען אין קאפיטאל ראיאן, צענטראלע ניו יארק, פינגער לעיקס, מיד-האדסאן, צפון קאנטרי, דרום טיער און מערב ניו יארק ערהאלטן באלוינונגען***

***שטעלט צו קריטיש נויטיגע צוגענגליכע רענטעל יוניטס פאר נידריגע- און מעסיגע-איינקונפט טענענטס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט באלוינט 40 מיליאן דאלאר צו 18 נאן-פראפיטס און לאקאלע רעגירונגען אין קאפיטאל ראיאן, צענטראלע ניו יארק, פינגער לעיקס, מיד-האדסאן, צפון קאנטרי, דרום טיער און מערב ניו יארק צו שטיצן די פארריכטונג און וואוינבאר מאכן ביז 600 ליידיגע, אומוואוינבארע אפארטמענטס כדי צו זיי פארוואנדלען צו פארזיכערטע און צוגענגליכע היימען פאר טענענטס. די נייע ליידיגע רענטעל פארבעסערונג פראגראם (Vacant Rental Improvement Program), וועלכע די גאווערנער האט געמאלדן אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 אקטיוווע בודזשעט, שטעלט צוריק ליידיגע יוניטס און אומבאנוצטע געביידעס צו צוגענגליכע האויזונג פאר נידריגע- און מעסיגע-איינקונפט טענענטס אין קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי. ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (New York State Homes and Community Renewal) האט אויסגעוועלט די 18 באלוינטע דורך א קאנקורירנדע פארלאנג פאר פארשלאגן.

"עס קומט זיך פאר יעדער איינער א פארזיכערטע פלאץ צו רופן זייער היים, און מיט די ליידיגע רענטעל פארבעסערונג פראגראם, לעבן מיר איוף נאכגעלאזטע פראפערטיס דורך זיי פארוואנדלען צו הויכע-קוואליטעט היימען פאר די וואס דארפן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר מוזן נוצן אלע געצייג וואס מיר פארמאגן צו אדרעסירן די האויזינג קריזיס אין ניו יארק, אריינגערעכנט אפהיטן און פארבעסערן די פארמעגנס וואס מיר פארמאגן. דער אינוועסטירונגען וועלן איופלעבן געגנטער, צושטעלן שטארק-נויטיגע צוגענגליכע האויזינג און העלפן פארזיכערן לאנג-טערמיניגע האויזינג סטאביליטעט פאר ניו יארקער."

די 40 מיליאן דאלאר באלוינונגען וועט העלפן אייגנטומער פון איינס ביז פינף-יוניט רעזידענשל פראפערטיס אדער געמישטע-באנוץ געביידעס מיט ביז פינף האויזינג יוניטס צו זיי פארוואנדלען צו הויכע-קוואליטעט, צוגענגליכע אפארטמענטס. די פראגראם שלאגט פאר ביז צו $50,000 אין סובסידי פאר קליינע לענדלארדס צו איבערמאכן ליידיגע רענטעל אפארטמענטס מיט א הויזגעזונד איינקונפט באגרעניצונג פון 80 פראצענט עריע מידיען אינקאם (Area Median Income, AMI) און ביז צו $75,000 פאר אפארטמענטס מיט א הויזגעזונד איינקונפט באגרעניצונג פון 60 פראצענט AMI.

די ליסטע פון באלוינונגען קען געטראפן ווערן דא.

פארבעסערונגען רעכנט אריין:

- געזונט און זיכערהייט אפגרעידס
- פארריכטונג פון געזעץ פארלעצונגען
- צוטריטליכקייט ענדערונגען
- ענווייראנמענטאלע פארבעסערונג
- אלגעמיינע פארריכטונגען צו צוריקשטעלן פראפארטיס צו וואוינבארע אומשטענדן

די פראגראם שטיצט פראיעקטן וואס וועלן סערווירן נידריגע- און -מעסיגע-איינקונפט טענענטס, מיט אלע געטיצטע יוניטס איסגעשטעלט צו א 10-יעריגע רעגולאטארי צייט-אפשניט צו פארזיכערן צוגענגליכקייט און רענט באגרעניצונגען. די ליידיגע רענטעל פארבעסערונג פראגראם איז די אגענטור׳ס ערשטע פראגראם וואס איז געאייניגט ספעציפיש צו צוריקשטעלן ליידיגע און נאכגעלאזטע רענטעל יוניטס צו די מארקעט פאר צוגענגליכע פרייזן.

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער RuthAnne Visnauskas (רוטען וויסנאסקאס) האט געזאגט,** "די וויכטיגע 40 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג איז קריטיש פאר אונזער באמיאונגען צו אדרעסירן האויזינג שוועריגקייטן אין אפסטעיט קאמיוניטיס. די ליידיגע רענטעל פארבעסערונג פראגראם וועט אויפלעבן ביז צו 600 נאכגעלאזטע פראפערטיס, זיי פארוונדלען צו ווערדפולע קאמיוניטי פארמעגנס און שאפנדיג שטארק-נויטיגע צוגענגליכע האויזינג פאר ניו יארקער. דער אינוועסטירונג טוט נישט נאר שטיצן פראפערטי אייגנטומער דורך אויפלעבן נאכגעלאזטע, פארנאכלעסיגטע יוניטס נאר טוט אויך העלפן פארמערן די צאל האויזינג און פארלייכטערן די קריטישע מאנגל אין צוגענגליכע האוזינג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשיימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן